מוגדל
לכבוד חנוכה

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל**

**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס ג' - פרשת מקץ (חנוכה) ויגש תשע"ח

# תוכן השיעור

**'דברים היוצאים מן הלב'...**

**השתוקקות וגעגועים לדבר שבקדושה**

**לצאת חוץ ליישוב**

**עס איז נאכנישט דיינס!...**

**זיך נישט לאזן נאר'ן...**

**די 'לעצטע טריט'...**

**יגעתי 'ומצאתי' תאמין!...**

**'הציון הקדוש'!**

**חברים מקשיבים לקולך 'השמיעיני'!**

**'מוחין דקדושה'!**

**'חידושי תורה'...**

**נישט טשעפען דעם 'שולחן ערוך'!...**

**כלו בדמעות עיני... - ר' אברהם ר' נחמנ'ס ז"ל**

**וואו איז אהינגעקומען ר' סענדר?!... - (ר' סענדר טירהאוויצער ז"ל)**

**א קוואל וואס 'קוועלט'!... - ר' נחמן טולטשינ'ער ז"ל**

**'לב פורח באויר' - מוהרנ"ת זצ"ל**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלים בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**(+1) 845-200-0443**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

בס"ד

# מעשה מה'אורח'

## - פרשת מקץ, חנוכה, תשמ"ב -

(טייפ מספר 18#)

## 'דברים היוצאים מן הלב'...

חיי מוהר"ן סימן פ"ה - סיפורים חדשים אות ה';

**תקס"ט, א' דַחֲנֻכָּה, אַחַר הַדְלָקַת נֵר חֲנֻכָּה בַּלַּיְלָה:**

**אוֹרֵחַ נִכְנַס לְבַעַל הַבַּיִת, וְשָׁאַל לְבַעַל־הַבַּיִת מֵאַיִן פַּרְנָסָתְךָ, וְהֵשִׁיב לוֹ אֵין לִי פַּרְנָסָה קְבוּעָה בְּבֵיתִי רַק מִחְיָתִי מִן הָעוֹלָם, וְשָׁאַל לוֹ** - דער אורח האט געפרעגט דעם בעל הבית - **מָה אַתָּה לוֹמֵד, וְהֵשִׁיב לוֹ.**

**וְהָיוּ מְשִׂיחִים יַחַד, עַד שֶׁנִּכְנְסוּ בְּתוֹךְ שִׂיחַת דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב** - מען רעדט אמאל דבורים, פון דעם אנהויב אָן איז עס אזוי 'אויבן אויף', אבער אז מען האלט זיך און מען רעדט, גייט ארוים 'דברים היוצאים מן הלב', (קודם איז געווען) 'והיו משיחים יחד' - סתם - 'עד שנכנסו בתוך שיחת דברים היוצאים מן הלב'. ווייזט אויס אז וויבאלד דער רצון פונעם מענטש איז אז מ'זאל רעדן דיבורים אין יראת שמים, כאטשיג פון אנהויב האט ער עס נישט, אבער אז מען רעדט - אינמיטן רעדן ווערט גוטע דבורים! אמאל קען מען זאגן - אז מען הייבט אן רעדן, ס'גייט נישט, ס'גייט נישט, עס רעדט זיך נישט, ס'גייט נישט - - ניין! זיי האבן אנגעהויבן רעדן ביז ס'איז אריינגעגאנגען אין 'דברים היוצאים מן הלב'!

אין יעדע זאך איז אזוי, אפילו ביים דאווענען איז אויך אזוי! (עי' שיחות הר"ן אות ע"ה).

רבי נתן איז אמאל געפארן מיט ר' נחמן טולטשינער, זיי זענען געפארן דארטן א נסיעה - - אמאל איז מען געפארן מיט א וואגן, עס איז נאכבישט געווען קיין באַנען, האט מען געקענט פאָרן גאנצע נעכט, גאנצע טעג, האט מען געדאוונט אינמיטן וועג, אויפן וואגן האט מען געדאווענט. האט רבי נתן אנגעהויבן דאווענען, און ער האט געזעהן - ר' נחמן - ווי רבי נתן מוטשעט זיך זייער, ער קען נישט אנהויבן דאווענען, ער האט זיך אזוי געמוטשעט מיט די ווערטער, ער קען נישט אנהויבן דאווענען. ביז ער איז אריינגעקומען ביי דעם פסוק 'זמרו לה' חסידיו והודו לזכר קדשו' (בקאפיטל 'מזמור שיר חנוכת'), איז ער אריין אין א התלהבות, אין ער האט אנגעהויבן דאווענען, ער האט אנגעהויבן דאווענען!!

*

ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט תמיד רעדן דערפון, אז דער ענין פון דאוועגען איז אויך אזוי ווי מען רעדט דא - פון שיחת (ביראת שמים). אמאל מאכט זיך, מען הייבט אָן, מ'וויל דאווענען און עס גייט נישט! זאל איך נישט אנהויבן?! זאל איך ווארטן?! קען איך דאך ווארטן ביז נאכ'ן זמן! הייב איך אָן!

אבער אז די געדאנק איז - דער מענטש - אז ער וויל דאווענען, ער וויל צוקניפן דער מחשבה צום דיבור, ער וויל דאווענען, איז אינמיטן דאווענען העלפט דער אייבערשטער! אויב ער וויל טאקע!

ביי רבי נתן איז געווען ביז 'והודו לזכר קדשו', אמאל קען זיין אפילו נאך ווייטער, נאך ווייטער, אבי ער וויל - זאל ער נישט אפלאזן! איך וועל ווארטן ביז איך וועל האבן א התעוררות?! דאס קען מען נישט טוהן! אין ווער ווייסט וויפיל דו קענסט ווארטן, א זאך וואס האט נישט קיין זמן, דער רבי רעדט דארטן אין תורה וא"ו, מען זאגט איהם 'ווארט צו' (שם אות ב'; אומרים לו המתן), הייסט מען ווארטן, מען קען איהם הייסן ווארטן א זמן, אבער קריאת שמע האט א זמן, תפילה האט א זמן! איך וועל ווארטן ביז איך וועל באקומען א התעוררות, און ווארטן ביז נאכן זמן?! דאס קען נישט זיין דאס! הייב אן דאווענען, אינמיטן דאווענען וועט דער אייבערשטער העלפן עס וועט זיך אנהויבן דאווענען!

(השואל: ס'איז געווען א מעשה ביי 'השומר אמת לעולם'?), ניין דאס איז אן אנדערע זאך, דאס האב איך געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, דער טאטע האט איהם דערציילט, אז ווען עס איז אריינגעקומען צו די ווערטער 'והודו לזכר קדשו', האט ער זיך צודאווענט.

(השואל: תהלים איז דאך אויך אזוי?!), דאס איז דאך נישט דא וואס צו רעדן! מען רעדט דאך - א יעדע זאך וואס דער מענטש איז אין עפעס אן עבודה, און ביים אנהויב גייט עס נישט, זאל ער זיך נישט אפשטעלן ווארטן ביז ס'וועט אנהייבן גיין, (נאר -) גיי! 'אומרים לו ליסע'! (ליקוטי מוהר"ן תו' קצ"ח). מען זאגט איהם פאָר; גיי, שטעל דיך נישט אפ, גיי! אינמיטן - אז דו מיינסט ערנסט - וועט אינמיטן שוין ווערן א גוטע דיבור!

*

## השתוקקות וגעגועים לדבר שבקדושה

**וְהִתְחִיל הַבַּעַל הַבַּיִת לְהִשְׁתּוֹקֵק וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אֵיךְ מַשִּׂיגִים וּמַגִּיעִים לְאֵיזֶה דְּבַר מַעֲלָה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה,** אה! דאס איז דער עיקר! (אז ער האט גערעדט -) דברים היוצאים מן הלב, האט ער אנגעהויבן - דער בעל הבית - משתוקק צו זיין, צו בענקען; ווי דערגרייכט מען עפעס א 'דבר מעלה שבקדושה'!

א מוסר השכל, אז מען קומט צונויף און מען רעדט, וואס דארף זיין - די דיבורים דארף זיין - האבן עפעס א בענקעניץ צו גוטע זאכן! א מענטש איז ארומגענומען מיט נארישקייטן, שטותים והבלים, אבער אז מען רעדט צוזאמען, דארף מען באקומען א השתוקקות; 'איי עפעס א מעלה, עפעס א דבר שבקדושה'! דער רבי זאגט נישט וואס - - 'עפעס א מעלה', 'עפעס א דבר שבקדושה'!

(כאן נכנסו מקשיבי השיעור בשיחה עם ר' לוי"צ ז"ל בסיפורים מר' ישראל כהן ז"ל מאומאן, ואין כאן המקום להאריך בו, ועוד חזון למועד אי"ה)

*

האט ער אנגעהויבן צו בענקען 'ווי קומט מען צו עפעס א דבר שבקדושה', ער האט באקומען א בענקעניש, ער האט נישט ארויסגערעדט פאר'ן אורח, נאר 'געבענקט'!

**אָמַר לוֹ הָאוֹרֵחַ** - האט זיך אנגערופן דער אורח - **'אֲנִי אֶלְמַד עִמְּךָ'**, דער אורח האט שוין געוואוסט וואס ער טראכט, וואספארא כיסופין ער האט, האט ער זיך אנגערופן; 'איך וויל לערנען מיט דיר', 'איך וועל מיט דיר לערנען'!

**וְתָמַהּ הַבַּעַל הַבַּיִת** - ער האט השתוקקות אין הארצן צום אויבערשטן, זאגט ער איהם שוין איך וויל מיט דיר לערנען?! **וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב אוּלַי אֵינוֹ בֶּן אָדָם כְּלָל** - ווער ווייסט ווער ער איז?! טאמער איז ער גארנישט קיין מענטש אינגאנצן - ער ווייסט זיינע מחשבות וואס ער וויל! **אַךְ חָזַר וְרָאָה שֶׁהוּא מְדַבֵּר עִמּוֹ כְּדֶרֶךְ בְּנֵי אָדָם** - ער האט שוין געזעהן אז ער איז עפעס א געוואלדיגער גדול, **אַךְ תֵּכֶף נִתְחַזֵּק הָאֱמוּנָה אֶצְלוֹ לְהַאֲמִין בּוֹ, וְהִתְחִיל תֵּכֶף לְקָרְאוֹ 'רַבִּי'.**

**וְאָמַר לוֹ** - דער בעל הבית צום אורח - **קֹדֶם כָּל אֲנִי מְבַקֵּשׁ לִלְמֹד מִכֶּם אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בִּכְבוֹדְכֶם,** ער וויל דאך מיט איהם לערנען, און ער רופט איהם שוין 'רבי', איז וויאזוי זאל איך זיך פירן בכבודכם?! א רבי - דארף מען דאך א 'מורא רבך', דאס ערשטע קודם כל וויל איך וויסן וויאזוי איך זאל זיך פירן בכבודכם!

דאס איז אלס לימודים; דער 'מורא רבך' און דער 'דרך ארץ' - מען וויל פון יענעם מקבל זיין עפעס, איז קודם כל - הייסט איידער איר לערנט מיט מיר - וויל איך וויסן וויאזוי זאל איך זיך פירן בכבודכם - **וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר שֶׁאֶפְגֹּם מַמָּשׁ בִּכְבוֹדְכֶם חַס וְשָׁלוֹם, רַק אַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּן אָדָם קָשֶׁה לוֹ לְהִזָּהֵר לְגַמְרֵי כָּרָאוּי, עַל־כֵּן אֲנִי רוֹצֶה שֶׁתְּלַמְּדוּנִי אֵיךְ לִנְהֹג בִּכְבוֹדְכֶם. וְהֵשִׁיב לוֹ כָּעֵת אֵין לִי פְּנַאי, בְּעֵת אַחֵר אָבוֹא אֶצְלְךָ וַאֲלַמֶּדְךָ זֹאת, וְכָעֵת אֲנִי צָרִיךְ לֵילֵךְ מִכָּאן.**

*

# לצאת חוץ ליישוב

**וְאָמַר לוֹ, גַּם עַל זֶה אֲנִי צָרִיךְ לִלְמֹד מִכֶּם כַּמָּה אֲנִי צָרִיךְ לְלַוּוֹת אֶתְכֶם** - איר גייט דאך אוועק פון מיר, וויפיל דארף איך אייך באגלייטן? ווארום ס'איז דא אמאל אז מען באגלייט ביז צו דער טיר - אדער צו ארויסגיין פון יענע זייט טיר, וויפיל דארף איך אייך באגלייטן?!

**וְאָמַר לוֹ עַד אַחַר הַפֶּתַח** - ס'איז א געוואלדיגער שמועס, אונזערע לייט פלעגן זאגן - דאס הייסט ארויס אינגאנצן פון דער שטוב! ס'איז פארהאן אמאל - ער באגלייט דעם רבי'ן, אבער ער איז אין שטוב, ער בלייבט אין שטוב, ער איז אין "ישוב', אין 'שטוב', אזוי ווי די סדר פון א שטוב! (אבער

באמת דארף זיין) 'עד אחר הפתח' - ביז 'נאך' די טיר, דאס הייסט שוין 'מסירת נפש'! דאס הייסט מפקיר זיין אלעס! 'עד אחר הפתח' האט ער איהם געענטפערט.

**וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב אֵיךְ אֵצֵא עִמּוֹ, כִּי כָּעֵת אֲנִי עִמּוֹ בֵּין הַבְּרִיּוֹת, וְאִם אֵצֵא עִמּוֹ לְבַדּוֹ מִי יוֹדֵעַ מִי הוּא,** איך האב מורא ארויסצוגיין מיט איהם אינדרויסן, דאס הייסט; ס'איז דאך ממש מסירת נפש - מפקיר זיין אלעס און גיין מיט א מענטש?! ער ווייסט - ער האט געזעהן ביי איהם - ער האט איהם שוין גערופן רבי אויך, אבער פונדעסטוועגן - ארויס מיט איהם נאך די טיר, דאס איז דאך א גאנצע - - דאס האט ער דאך מורא!

**וְשָׁאַל לוֹ וְאָמַר לוֹ יֵשׁ לִי פַּחַד לָצֵאת עִמָּכֶם, הֵשִׁיב לוֹ אִם אֲנִי יָכוֹל כָּזֹאת לִלְמֹד עִמְּךָ, גַּם עַתָּה אִם אֶרְצֶה לַעֲשׂוֹת לְךָ אֵיזֶה דָּבָר מִי יְמַחֶה בְּיָדִי,** אויב דו האסט מורא פאר מיר ארויסצוגיין נאך די טיר, אז איך וועל דיר וועלן טוהן אינעווייניג אין שטוב, ווער וועט מוחה זיין אין מיר?! ווער וועט מיר נישט לאזן - אויב איך קען דאס דאזיגע?!

עס איז דאך טאקע אזוי, וויבאלד ער איז פארבינדן אינעם צדיק - - נאר וואס דען, איך האב מורא פאר מסירת נפש! און אז דו וועסט זיין ביי דיר אין שטוב, האסטו נישט קיין מורא פאר מיר?! קען איך דיך נישט טאן?! אויב איך קען דיך טוהן, ווער וועט מיר נישט לאזן איך זאל טוהן מיט דיר ווען דו ביזט אין שטוב?! דו מאכסט זיך א גאנצע לעבן, די גאנצע זאך, קען ער דארטן - דער צדיק - נישט טוהן?! געוועהן אזעלכע וואס דער רבי האט זיי געהייסן זיי זאלן זיין א 'מקבל' דארטן, זיי האבן נישט געוואלט, האט דער רבי נישט געקענט טוהן?! אז ער וויל נישט - קען ער איהם נישט טוהן?! קען ער דאך איהם אויך טוהן! (עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ג' [השני] המעשה עם ר' אברהם מ'בארדיטשוב ז"ל, ושם באות ל' המעשה מר' ליפא ז"ל).

*

**וְיָצָא עִמּוֹ מִן הַפֶּתַח,** האט ער זיך שוין יא מוסר נפש געווען, מפקיר געווען אלעס - ארויסגעגאנגען פון די טיר - **וַאֲזַי תֵּכֶף חָטַף אוֹתוֹ וְהִתְחִיל לִפְרֹחַ עִמּוֹ,** ווייזט אויס אז פריער האט ער נאכנישט געהאלטן ביי אזא מין סארט - אז ער זאל איהם אזוי ארייננשיינען אזעלכע הויכע מדריגות, (אבער) וויבאלד ער האט זיך שוין מוסר נפש געווען, ער האט שוין גע'פועל'ט ביי זיך - ער זאל ארויס גיין ביז נאך די טיר, האט ער איהם געגעבן א כאפ, ער האט אנגעהויבן מיט איהם צו פליען! דאס הייסט - העכער פון די מדריגה וואס ער האלט, ווייל ער האט זיך פארט געקומען דעם געדאנק מיט די אמונה - ארויסגיין מיט איהם אינדערויסן!

האט ער אנגעהויבן צו פליען מיט איהם - **וְהָיָה קַר לוֹ, וְלָקַח מַלְבּוּשׁ וְנָתַן לוֹ,** דער אורח האט גענומען א מלבוש און איהם געגעבן - **וְאָמַר לוֹ קַח זֶה הַמַּלְבּוּשׁ וְיִיטַב לְךָ,** א מלבוש איז אביסל מצמצם, ווארום וויבאלד ער האט אנגעהויבן מיט איהם צו פליען העכער ווי זיינע מדריגות - 'נעם דעם מלבוש וועט דיך זיין גוט' - אז מען וועט מקורב ווערן צום צדיק מוז מען האבן א מלבוש, א לבוש, א צמצום - זיך מצמצם זיין, אז נישט איז ער אין א סכנה, 'נעם דעם מלבוש וועט דיר זיין גוט'!

**וִיהְיֶה לְךָ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְכָל טוּב וְתֵשֵׁב בְּבֵיתְךָ**, ווייל פריער האט דער בעל הבית געזאגט צו דעם אורח אז ער האט נישט קיין 'פרנסה קבועה' אין שטוב, זיין פרנסה איז פון די וועלט, פון איצטער וועסטו קענען זיצן אין שטוב און דו וועסט האבן אכילה ושתיה! **וּפָרַח עִמּוֹ** - און ער פליהט מיט איהם, ער האט דעם מלבוש און ער פליהט, ווייל אָן דעם מלבוש קען ער גארנישט פליען מיט איהם, ער האט שוין דער מלבוש - איז ער געפלויגן מיט איהם.

*

## עס איז נאכנישט דיינס!...

**בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ** - ער איז צוריק ביי זיך אין שטוב! ווארום דאס וואס ער פליהט מיט איהם, איז נישט ווייל ער האלט שוין ביי דעם מדריגות, ער האלט נאך נישט ביי דעם! נאר ער האט איהם געגעבן א 'שיין' - אבער ער איז טאקע ווייטער צוריק אין שטוב, דו ביזט נאך נישט אינגאנצן ארויס (פון די גשמיות)! האבן אונזערע לייט געזאגט; מיט דער כח הצדיק קען ער געבן א פליה, אבער ער זאל נישט מיינען אז ער האלט שוין דערביי, איך בין טאקע נאך אין שטוב - 'בתוך כך איז ער צוריק אין שטוב'! (עי' ליקוטי הלכות שילוח הקן ה' - ענין 'שלום לרחוק ולקרוב').

**וְלֹא הָיָה מַאֲמִין בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא בְּבֵיתוֹ, אַךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא מְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם וְאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה כְּדֶרֶךְ הָעוֹלָם, בְּתוֹךְ כָּךְ חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ כְּבַתְּחִלָּה** - ער איז ווייטער א 'פורח'! דאס איז דער כח הצדיק, ער געבט איהם אלעמאל א הייב, אבער מיין נישט אז דו ביזט שוין דארטן, ניין דו ביזט צוריק אין שטוב! און אז דו ביזט אין שטוב איז דאך ווייטער דארטן מגושם, און - ער פליהט שוין ווייטער!

*

**חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ, וְכֵן הָיָה מִתְנַהֵג זְמַן רַב**, ביז ס'איז געווארן א קביעות שוין, אז ער קען שוין זיין אין די העכערע מדריגות - דאס איז א זמן רב!

רבי נתן האט געזאגט באלד ביים אנהויב התקרבות; ביז מען ווערט א איש כשר צריך להתמהמה הרבה! (עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"ד). 'וכן היה מתנהג זמן רב', אט פליהט ער - און אט איז ער צוריק אין שטוב! דער כח הצדיק איז אזוי - אט געבט ער א 'פליה', דארף מען א געוואלדיגע 'בקיאות' (עי' ליקו"מ תו' ו' - 'בקי ברצוא בקי בשוב'), עס איז נאך נישט דיינס, מיין נישט אז דו ביזט שוין דארטן, דו פליהסט שוין - דו ביזט שוין ווייט פון שטוב, 'דו ביזט צוריק אין שטוב' - דו ביזט ווייטער א 'שטוב מענטש'! ווילסט דאך ווייטער ווערן מגושם - געבט ער ווייטער א הייב און ווייטער א פליה, אזוי האט עס זיך געצויגן א 'זמן רב'! (עי' ליקוטי הלכות, ברכת הפירות ה' אות ז' - לפעמים הצדיקים חוטפין אנשים וכו').

*

**אַחַר־כָּךְ הוֹרִיד אוֹתוֹ בֵּין שְׁנֵי הָרִים בְּגַיְא, וּמָצָא שָׁם סֵפֶר, וְהָיוּ בּוֹ צֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת אז"ח הוּא ד' וְכוּ'** - דאס האט א שייכות צו דער תורה פון 'ימי חנוכה' (תורה ב' תנינא)[א], דער רבי רעדט טאקע אין די תורה פון "ד" - 'רבוע הדיבור', און די דריי שמות רעדט די רבי דארטן; **א-ל, אלקים, ה'**, 'דריי שמות' (שהם בסך הכל "ז" - ארבעה חלקי הדיבור, עם השלש שמות), און אין די 'ארבעה חלקי הדיבור' שיינט דער 'אור האמת' וואס דאס איז "א", איז "א" "ז" "ח" - **אז"ח הוא ד' וכו'**.

**וְהָיָה מְצֻיָּר בְּהַסֵּפֶר כֵּלִים וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ אוֹתִיּוֹת, גַּם הָיָה בְּתוֹךְ הַכֵּלִים אוֹתִיּוֹת שֶׁל הַכֵּלִים שֶׁיְּכוֹלִין לַעֲשׂוֹת עַל יָדָם אֵלּוּ הַכֵּלִים, וְהָיָה לוֹ חֵשֶׁק מְאֹד לִלְמֹד אֶת הַסֵּפֶר.**

**בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ** - דאס איז א מוסר השכל, אין דעם עולם קען זיין - מען האט איהם שוין אויפגעהויבן צווישן צוויי בערג, און געזעהן אזא 'ספר', אזעלכע הויכע געדאנקען, ממש למעלה למעלה מן הישוב - אבער ער איז צוריק אין שטוב! דאס איז דער כח הצדיק, דאס איז אזוי גרויס, אז ער קען איינעם געבן א הייב, און ער דארף (דאך) וויסן; לאז דיך נישט נארן - ווייס אז דו ביזט נאך אין שטוב, דו ביזט נאך אין שטוב, דו ביזט נאך נישט פארטיג! - 'ער איז צוריק אין שטוב', **חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא שָׁם.**

*

## זיך נישט לאזן נאר'ן...

**וְהִתְיַשֵּׁב עַצְמוֹ לַעֲלוֹת אֶל הָהָר, אוּלַי יִמְצָא שָׁם אֵיזֶה יִשּׁוּב, וּכְשֶׁבָּא אֶל הָהָר, רָאָה עוֹמֵד שָׁם אִילָן שֶׁל זָהָב עִם עֲנָפִים שֶׁל זָהָב, וְעַל הָעֲנָפִים תְּלוּיִים כֵּלִים כְּמוֹ אֵלּוּ הַכֵּלִים הַמְצֻיָּרִין בַּסֵּפֶר, וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ כֵּלִים שֶׁעַל יָדָם עוֹשִׂים אֵלּוּ הַכֵּלִים** - אזוי ווי מען האט אויבן געלערנט - **וְהָיָה חָפֵץ לִקַּח מִשָּׁם הַכֵּלִים, וְלֹא הָיָה יָכוֹל, מֵחֲמַת שֶׁהָיוּ נִסְבָּכִים שָׁם עַל הָעֲנָפִים שֶׁהָיוּ בְּעַקְמִימִיּוֹת**, אבער ער האט געהאט השתוקקות צו נעמען, נאר ער האט נישט געקענט.

**בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ**, נאר אזעלכע אורות וואס ער האט שוין געזעהן דא, אזעלכע ליכטיגקייטן - אבער ער איז ווידער ביי זיך אין שטוב!

עס איז א מוסר השכל, די גמרא זאגט; אז דער גאנצער וועלט זאגט דיר אז דו ביזט א צדיק, דו זאלסט וויסן - - אין דעם עולם נישט לאזן זיך נאר'ן! (מסכת נדה דף ל' ע"ב; אפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק אתה, היה בעיניך כרשע. ועי' גם שיה"ר אות נ"א). מען שענקט אמאל א גוטע מינוט, א גוטע שעה, מען טוהט גוטע זאכען, אבער מיין נישט אז דאס איז 'דיין', דו ביזט שוין א פארטיגער, ניין - דאס איז נאר א

---

[א] וז"ל שם (באמצע אות ד') ...עִקַּר קִיּוּם וּשְׁלֵמוּת הַדִּבּוּר הוּא עַל יְדֵי הָאֱמֶת, שֶׁהוּא מֵאִיר בְּהַדִּבּוּר עַל יְדֵי שְׁלשָׁה שֵׁמוֹת, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים נ') "אֵ-ל אֱלֹקִים ה' דִּבֶּר", כִּי אֵלּוּ שְׁלשָׁה שֵׁמוֹת הֵם מְקוֹר הָאֱמֶת, וְעַל יָדָם מֵאִיר הָאֱמֶת בְּהַדִּבּוּר, דְּהַיְנוּ בְּרִבּוּעַ הַדִּבּוּר, הַיְנוּ בְּחִינַת אַרְבָּעָה חֶלְקֵי הַדִּבּוּר...

מתנה פון אויבן, מען וויל אז דו זאלסט גערענקען - ווען מען וועט צונעמען בי דיר די מתנה - זאלסט גערענקען אז ס'איז דא גוטע זאכן! דו מיינסט דאך אז ס'איז נאר דא 'דאס' - ס'איז דא גוטע זאכן!

דער רבי רעדט טאקע אין תורה ס"ה; אפילו ביי התבודדות איז אויך דער עיקר דער 'רשימו' וואס ס'בלייבט נאכדעם! (עיי"ש באות ד'). התבודדות איז נישט 'כסדר' (- אייביג), נאר וואס עס בלייבט איבער דערפון! וואס ס'בלייבט דיר איבער אויף שפעטער! דו זאלסט גערענקען דערפון - דאס חיות - אויף שפעטער, עס דארף דאך בלייבן עפעס א רשימו אויך שפעטער, ס'זאל בלייבן א 'השתוקקות', א גוטע 'רצון'.

*

**וְהָיָה לוֹ פְּלִיאָה גְּדוֹלָה מַה זֹּאת שֶׁהוּא פַּעַם בְּכָאן וּפַעַם שָׁם** - אט בין איך 'דא', אט בין איך 'דארט' - וואס איז דאס?! - **וְהָיָה חָפֵץ לְסַפֵּר זֹאת לִבְנֵי אָדָם, אַךְ אֵיךְ מְסַפְּרִין פְּלִיאָה כָּזוֹ לִבְנֵי אָדָם מַה שֶּׁאֵין רָאוּי לְהַאֲמִין**. דער ענין פון רבין'ס זאך איז טאקע אזוי, א מענטש הייבט אן מקורב ווערן, ער הייבט אן צו קאכן, ער האט א גוטע מינוט - אז ער רעדט מיט איינעם וואס איז כאטש אויך אין די זאך - קען ער! אבער (אן אנדערער) לאכט זיך אוים; 'ברסלב'ער מעשיות' - - - ווער וועט איהם וועלן גלייבן די מעשה?! ווער וועט איהם וועלן גלייבן די זאך, ווער וועט איהם וועלן גלייבן?! עס איז גארנישט ראוי צו גלייבן דאס!

**בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל מִן הַחַלּוֹן**, ער איז אין שטוב און קוקט ארוים פון פענסטער, **וְרָאָה אֶת הָאוֹרֵחַ הַנַּ"ל** - דעם צדיק! אפילו מען איז אין שטוב, אבער איך קוק ארוים דורכ'ן פענסטער - האט ער דערזעהן דעם 'אורח'! ער איז שוין געווען אין שטוב - דער אורח איז דאך נישט אריינגעגאנגען צום שטוב אריין, איז אפילו מען איז אין שטוב, געב א העכערן קוק, געב א קוק א העכערע זאך - האט ער דערזעהן דעם אורח!

**וְהִתְחִיל לְבַקֵּשׁ אוֹתוֹ מְאֹד שֶׁיָּבוֹא אֶצְלוֹ**, אויך זייער גוט - אז מען בעט דעם אורח 'קום אריין צו מיר אין שטוב אריין'! אוודאי, אז דער צדיק וועט זיין ביי מיר אין שטוב - די אלע הנהגות זאל אלץ זיין אזוי ווי דער רצון פון דעם צדיק - 'קום אריין צו מיר אין שטוב'! **וְאָמַר לוֹ אֵין לִי פְּנַאי כִּי אֲנִי הוֹלֵךְ אֶצְלְךָ** - אזעלכע וואונדערליכע ווערטער!

**אָמַר לוֹ זֶה בְּעַצְמוֹ נִפְלָאת בְּעֵינַי, הֲרֵי אֲנִי כָּאן וּמַה זֶּה שֶׁאַתֶּם הוֹלְכִים אֶצְלִי? הֵשִׁיב לוֹ, בְּשָׁעָה שֶׁנִּתְרַצֵּיתָ לֵילֵךְ עִמִּי לְלַוּוֹת אוֹתִי מִן הַפֶּתַח, אָז לָקַחְתִּי מִמְּךָ הַנְּשָׁמָה וְנָתַתִּי לָהּ לְבוּשׁ מִן הַגַּן־עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, וְהַנֶּפֶשׁ רוּחַ נִשְׁאַר אֶצְלְךָ, וְעַל־כֵּן כְּשֶׁאַתָּה מְדַבֵּק מַחֲשַׁבְתְּךָ לְשָׁם אַתָּה שָׁם** - פליעסטו ביזטו דארטן - **וְאַתָּה מַמְשִׁיךְ הֶאָרָה מִמֶּנּוּ אֵלֶיךָ. וּכְשֶׁאַתָּה חוֹזֵר לְכָאן אַתָּה כָּאן**, אה, דער מחשבה! במקום שחושב השכל - שם כל האדם! (ליקו"מ תו' כ"א). ביזטו מדבק די מחשבה - ביזטו דארטן, וואו די מחשבה טראכט - אזוי איז ער!

*

# די 'לעצטע טריט'...

האט דער רבי אויסגעפירט - **וְאֵינִי יוֹדֵעַ מֵאֵיזֶה עוֹלָם הוּא, מֵעוֹלָם טוֹב הוּא בְּוַדַּאי. וַעֲדַיִן לֹא נִגְמַר וְלֹא נִסְתַּיֵּם!** - פלעגט מען זאגן, אז די זאך - דער ענין פונעם צדיק, דאס איז א זאך וואס עס ענדיגט זיך נישט, יעדעם איינעם פירט דער צדיק, און ביי יעדעם ענדיגט זיך עס נישט! נישט אז 'דאס איז עס', (נאר) עס גייט 'ווייטער', 'ווייטער'! אז א מענטש זאל האבן 'אריכות ימים' - וויפיל ער זאל האבן - איז 'ולא נסתיים', אויב ער האלט זיך אינעם צדיק, און די מחשבה גייט - - עס איז נאכנישט נגמר, עס איז נאכנישט אויסגעלאזט! 'עס גייט' 'עס גייט'! - - -

נאר דער עיקר איז - אז איינער איז אין א בלאטע, אז ער וועט שטיין אין דער בלאטע וועט ער גיין נאך טיפער, מוז ער דאך - ארויס א פוס, איז ווייטער א בלאטע, 'א פוס אריין' 'א פוס ארויס' - דער לעצטע טריט וועט זיין אינדערויסן! ווען איז דער לעצטער טריט? 'ביום האחרון' דאס איז דער לעצטער טריט! (עי' ליקוטי הלכות ברכות השחר ה' אות מ"ב), אבער אז ער שטייט איין אין דער בלאטע, גייט ער טיפער - -

אונזערע לייט טייטשן (תהלים ס"ח ג'); **טבעתי ביון מצולה ואין מעמד**, אזוי איז טייטש - 'ואין מעמד' - איך קען נישט איינשטיין! פארקערט, דאס איז א שבח, אז 'טבעתי ביון מצולה', איז 'שטיי ניט', גיי ארויס! איי, דארטן איז דאך ווידער א בלאטע, איז גיי ארויס - 'ואין מעמד'! טאמער וועסטו שטיין - וועסטו גיין טיפער! אבער גיי, גיי! און אז דו וועסט וועלן באמת ארויס פון די בלאטע - דער לעצטער טריט וועט זיין אינדרויסן, און אזוי אלע יארן! (עי' שיש"ק ב' א').

דער רבי האט דערמאנט פון א צדיק וואס האט געגעבן א קנאק 'איבערגעשפרינגען די וועלט'! (חיי מוהר"ן אות תקכ"ב, ומקובל בין אנ"ש שהכוונה על הרה"ק בעל יסוד ושורש העבודה זצ"ל). די צדיקים האבן טאקע א מלחמה, זיי האבן נישט קיין נייחא, 'ילכו מחיל אל חיל', 'אין להם נייחא בעולם הזה' (עפ"י לשון הגמ' ברכות דף ס"ד ע"א; תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא, שנאמר ילכו מחיל אל חיל וכו'). גיי ווייטער! ווילסט האבן א נייחא בעולם הזה?! דא קענסטו נישט האבן א נייחא! גיי ווייטער!

*

'ולא נסתיים' - דער רבי זאגט ביי דער ערשטער מעשה; "און וויאזוי ער האט זי ארויסגענומען האט ער נישט דערציילט"! ווייטער אין די מעשה פין 'זבוב ועכביש', דער 'פליג' מיט דער 'שפין', 'און וואס מיט דער פליג האט זיך געטאן וועל איך אייך נישט דערציילן', פון דער שפין איז צום סוף 'גאר ניט געבליבן'! נאר וואס מיט דער 'פליג' האט זיך געטאן - דאס האט דער רבי נישט דערציילט, וואס מיט יעדן מענטש טוט זיך איבער - - -

***

# יגעתי 'ומצאתי' תאמין!...

עס שטייט 'בקשו פניו תמיד' (תהלים ק"ה ד'), 'זוכט דעם אייבערשטן תמיד', וואס איז דער לשון 'תמיד'?! 'זוכט איהם תמיד', הער נישט אויף צו זוכן! א גשמיות'דיגע זאך אז מען זוכט - אז איך האב געפונען 'האב איך געפונען'! דא - דער געפונען דא - אז מען 'זוכט' געפונט מען!

דער אייבערשטער איז דאך אן 'אור אין סוף', איז נישט שייך צו זאגן 'איך האב שוין געפונען', זוך - וועסטו מער געפונען! דאס איז דאך א רוחניות'דיגע זאך, איז נישט שייך צו זאגן 'איך האב געפונען', האב איך דער זאך, זוך! וועסטו מער געפונען, מער געפונען!

די 'תורה הקדושה' - זוך, וועסטו מער זעהן אזא מין אור ליגט אין די תורה! זוך מער - וועסטו געפונען מערער, געפונען מערער! 'בקשו פניו תמיד', זוך איהם תמיד!

*

דער רבי האט געזאגט טאקע; **'איך בין אן אוצר פון יראת שמים - פארוואס זוכט איר מיר נישט'?!** (חיי מוהר"ן אות רצ"ה), 'אן אוצר פון יראת שמים'! א גשמיות'דיגע אוצר - א אוצר פון פארמעגן - אז איך האב געפונען 'האב איך שוין', איך האב שוין די אוצר! דא - אן אוצר פון 'יראת שמים' איז נישט שייך - - איך האב געפונען און איך זוך ווייטער! זוך ווייטער, זוך ווייטער!

און טאקע די וואס האבן אלע יארן געזוכט - האבן זיי 'אלע יארן געפונען', די לעצטע רגע האט ער אויך געפונען! האט מען 'צוויי רווחים' - אז מען זוכט תמיד - דערוויל פארלירט ער דאך נישט, האט ער אין צווייען 'ריוח' - אז דער מענטש איז עוסק אין זוכן - דערוויל פארלירט ער דאך נישט, דאס ווייסט ער דאך - אז ער וועט רעדן דברים בטלים קען מען פארלירן אויך, ווער שמועסט אז מען רעדט א לשון הרע - קען מען דאך אוודאי פארלירן! אבער אז איך זוך תורה ומצות ומעשים טובים - אז איך זוך האבן איך אין צווייען ריוח; דערוויל פארליר איך נישט, און - 'איך געפון טאקע אויך עפעס'! (איי -) עס איז ווינציג?! זוך מערער - זוך נאך!

און בשעת דער מענטש זוכט דארף ער אויך זיין 'בשמחה תמיד' - זאגט דער רבי! ווארום בשעת דער מענטש אז ער זוכט, קען עס איהם דאכטן אמאל; ווי, וואס האב איך דא?! איך זעה איך בין נאך ערגער פון נעכטן?! דארף מען זיין בשמחה! אין דער 'חיפוש' - דער 'זוכן' דארף זיין - א געוואלדיגע זאך - 'בשמחה תמיד'! אויב ער וועט זיך נישט שטארקן אין שמחה - וועט ער אויפהערן צו זוכן, אז עס וועט איהם דאכטן אז ער פארלירט דאך גאר מער, אלע טאג איז ער ערגער, ערגער ווי נעכטן - - דארף ער האבן א געוואלדיגע שמחה!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה יו"ד אין דעם אנדערן חלק[ב], אז קומען צו 'ישוב הדעת' - זאגט דער רבי - איז דורך 'שמחה'! פון אויבן אויף קוקט דאך אויס אז צו 'ישוב הדעת' דארף מען זיין ביי זיך

---

[ב] ז"ל בליקו"מ תניינא תו' י'; מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן. וְהָעִקָּר, לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב מַה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'. אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ

'צובראכן', (אבל רביז"ל אומר -) קומען צו 'ישוב הדעת' דארף מען האבן 'חירות המוחין', דער מוח זאל זיין פריי, מען זאל קענען צובינדן דעם מוח צו א דבר שבקדושה!

איך וויל צובינדן - איך וויל איצטער רעדן דעם 'רעיון' - א רעיון פון א ביטול פון א ביטול גאווה, א ביטול פון א זאך, איך וויל רעדן דעם רעיון איצטער - דארף איך קענען צובינדן דעם מוח צו דעם רעיון, זאגט דער רבי - 'שמחה' איז 'עולם החירות' - קען איך צובינדן דעם מוח! טאמער איז נישטא קיין 'שמחה' - ער לויפט שוין אוועק! זאגט דער רבי - 'רק על ידי השמחה'! 'ולבוא לשמחה' - און צוקומען צו שמחה - איז דורך די תורה פון 'אזמרה לאלקי בעודי'! (לקו"מ תו' רפ"ב).

דאס מיינט 'יגעתי ומצאתי תאמין', 'גלייבן' אז - 'מצאתי', דו זאלסט גלייבן אז מען געפונט! (ליקוטי הלכות, ברכות הפירות ה' אות א'), אבער דו זאלסט וויסן אז ס'איז דא נאך! דו האסט געפונען עפעס, אבער מיין נאכנישט אז דו האסט אינגאנצן געפונען שוין!

אונזערע לייט פלעגן זאגן; אז דער רבי איז א סוד, דער רבי איז א סוד! אז מ'זאגט איינעם אויס א סוד - ווייסט ער שוין, (אבער) דער רבי איז אזא סוד - מען האט איהם אויסגעזאגט און עס איז ווייטער א סוד, עס איז ווייטער א סוד! (עי' שיש"ק ב' נ"ד).

*

ביים רבי'ן איז אסאך תלמידים געווען, יעדער איינער האט געהאלטן פונעם רבי'ן, און מען האט געפונען דעם סוד! אבער עס איז ווידער געווען א סוד, עס איז ווייטער געווען א סוד! אבער דאס וואס רבי נתן האט געוואוסט פונעם רבי'ן - דאס האט קיינער נישט געוואוסט! דער עיקר איז געווען וואס ר' נתן'ס ידיעה איז געווען מער פון אלע - ר' נתן האט געוואוסט אז דער רבי'ן'ס זאך איז א 'נצחיות', און אז ס'איז אויף אייביג, עס הערט נישט אויף - דעם 'רעיון'!

דערפאר טאקע, די גאנצע 'השארה' איז דורך ר' נתן'ען, דעם רעיון אז דעם רבי'ן'ס זאך איז א נצחיות - עס הערט נישט אויף, דעם רעיון האט דער אויבערשטער געהאלפן ר' נתן'ען, ער האט דאס געפונען ביים רבי'ן! דערפאר האלט זיך עס, ווען נישט - וואס וואלטן מיר געטאן דא?! עס איז געווען אסאך צדיקים - מיט הייליגע ספרים! אבער אז דער רבי'ן'ס זאך איז 'נצחיות' - דאס האט נאר ר' נתן געוואוסט מער פון אלע!

דערפאר טאקע האט ער געהאט אויף זיך אזויפיל קריגעריי, רח"ל, מען האט מבזה געווען ר' נתנ'ען, אלס דערפאר! ווארום די גאנצע איז ער - די גאנצע איז ר' נתן!

*

---

כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה נ"ה) "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת, וְעַל כֵּן כְּשֶׁמְּקַשֵּׁר שִׂמְחָה אֶל הַמֹּחַ, אֲזַי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ בֶּן חוֹרִין, וְאֵינוֹ בִּבְחִינַת גָּלוּת, וַאֲזַי יוּכַל לְהַנְהִיג אֶת מֹחוֹ כִּרְצוֹנוֹ וּלְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ ... וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה, הוּא עַל יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל כָּל פָּנִים, כַּמְבֹאָר עַל פָּסוּק "אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי" (בְּלִקּוּטֵי הָרִאשׁוֹן, בְּסִימָן רפ"ב) ...

א מענטש - אז ער טראכט גוטע געדאנקען און ער זוכט, געפונט ער 'אוצרות'! און ווער איז דאס אזא מין נאַר, אז ער האט נאר די ידיעה באמת אז ס'איז דא אוצרות - - דער רבי האט דאך געזאגט; איך בין אן אוצר פון יראת שמים, פארוואס זוכט איר מיך נישט?! - האט דער רבי געזאגט - פארוואס זיכט איר מיך נישט?! זוכט דעם אור פונעם רבי'ן - וועט איר געפונען - אין 'דאווענען', געפונען אין 'לערנען', געפונען אין 'צדקה', געפונען אין די 'ספרים' - לערנט אפילו א שטיקל גמרא, א סעיף שולחן ערוך - - איז דאך אן אנדערע לעבעדיגקייט, אן אנדער אור! זוכט, זוכט!

און מיט וואס זוכט מען?! איי איי, דאס דארף מען נאכאמאל אוודאי וויסן - בטל'ן די צייט איז א 'געוואלד'! אוי, 'שמירת הזמן'! 'שמירת הזמן'!!!

אין די ישיבות - אז ס'איז דא א משגיח, האט ער מורא אז מען וועט איהם אראפרעכענען, מען וועט איהם געבן ווינציגער ישיבה געלט - האלט ער זיך אין די צייט, לערנט ער! - - - דא איז אויך דא א 'משגיח'!! עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת כי תצא דף רפ"ב ע"ב, רעיא מהימנא); מ'מכון ש'בתו ה'שגיח - איז ראשי תיבות "משה"! אויבן איז דא א השגחה - 'משה רבינו' איז א 'משגיח' אויף יעדעם איינעם! און עס וועט נאך קומען א צייט וואס דו וועסט איהם דארפן געבן עפעם - - א משגיח!

און דער וואס האט אינזין דעם תכלית - געדענקט ער! עס איז א געוואלד, עס שרייבן אלע הייליגע ספרים - זיי רעדן פון ביטול הזמן, פון ביטול תורה, דאס איז די שווערסטע! תורה ותפלה - דאס איז איין זאך!

***

# 'הציון הקדוש'!

(הנוכחים הזכירו מקודם שלמחרת חל יום היארצייט של רבי אברהם ב"ר נחמן זצ"ל - כ"ט כסלו תרע"ח. ואחד הנוכחים שואל מרלוי"צ ז"ל; ר' מאיר לייב בלעכער איז געווען ר' אברהם ר' נחמן'ס רבי?) ר' מאיר לייב בלעכער, ער איז געווען א בלעכער, א בעל מלאכה. ער איז געווען א גרויסע למדן, ער איז געווען ביי ר' נתן אזוי ווי א 'תלמיד חבר', ער איז געווען א איד 'א צדיק'. (השואל, וואס האט ער געלערענט מיט איהם?) נגלה! (השואל, ער פלעגט לערנען מיט נאך קינדער?) איך ווייס נישט, איך ווייס נאר אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט איהם גערופן 'זיין רבי'. ער האט אזוי געזאגט - ר' אברהם; 'איך האב געהאט א רבי'ן, וואס ווען ער פלעגט גיין צום רבי'ן אויפן ציון, האט ער זיך צוגעגרייט עטליכע טעג'! אז ער איז געקומען קיין אומאן, האט ער זיך עטליכע טעג צוגעגרייט ער זאל קענען אריינגיין צום רבי'ן אויפן ציון! געוואלד, געוואלד, דער איד, א קדוש, א צדיק!

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אונז אמאל געמוסר'ט - ווען מען האט אנגעהויבן מאכן בענקעלעך אויפ'ן ציון, פריער איז נישט געווען קיין בענקעלעך, האט ער געמוסר'ט פארוואס מען זעצט זיך אוועק אויף א בענקעלע, האט ער אונז דעמאלט דערציילט - אז ער האט געהאט א רבי'ן וואס האט דריי טעג - עטליכע טעג - זיך צוגעגרייט ביז ער איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון! אזא פחד - אזא מורא איז געווען ביי איהם, און היינט מאכט מען זיך בענקעלעך, און מען זעצט זיך אוועק...!

ער האט טאקע דערציילט ר' אברהם ר' נחמן'ס, אז דער טשעהרינ'ער רב איז אמאל געקומען קיין אומאן אינמיטן יאר, דעמאלטס איז דער שליסל געווען - ר' נחמן טולטשינער האט שוין נישט געלעבט - איז געווען דער שליסל ביי ר' אברהם ר' נחמנ'ס, איז ער געגאנגען מיט איהם צוזאמען לכבודו - ער איז אריינגעגאנגען אויפ'ן ציון, האט ער דערציילט - ער האט ארויסגענומען דעם תיקון הכללי - דער טשעהרינ'ער רב - און אוועקגעלייגט אויף די אויגן, ער איז געווען - 'קולו לא ישמע', נאר עס האט זיך געגאסן טרערן פון דער זייט און פון דער זייט, טייכן טרערן האט זיך געגאסן, א זמן רב האט ער געהאלטן דער תיקון הכללי אויף די אויגן אזוי, און ס'האט זיך געגאסן טרערן, געגאסן. נאכדעם איז ער שוין געווארן מיד, האט ער ארויסגענומען דער פאטשיילע און אוועקגעלייגט אויף דער ערד, און ער האט זיך אויף דער ערד צוגעשפארט, נישט אויף קיין בענקעלע! א גדול!

האט ער אונז פארציילט דאס גרויסקייט דערפון, וואס ס'איז אמאל געווען - א מין פחד פונעם רבי'ן איז געווען, אזוי גרוים, אז אפילו אזא מין גדול, א קדוש, האט זיך פריער זיך אויסגעוויינט, אזוי פיל געוויינט, געוויינט, ס'איז געווען דער פחד א 'געוואלד', א פחד ה' געווען, אַה.

*

מען זאגט; 'אמר אויב ארדוף אשיג', דער 'אויב' זאגט - דער 'יצר הרע'; 'איך וועל דיר כאפן, איך וועל דיר כאפן', נאר '**נשפת ברוחך**', ווער איז דער 'רוחך'? דאס איז דער 'רוח הצדיק', דער צדיק געבט איהם א בלאז - פארדעקט ער איהם אינגאנצן, ווערט ער אינגאנצן דעטרונקען, דער 'רוח הצדיק'!

מיר ווערן אנגערופן אויף דעם נאמען (של רביז"ל), מען האט אמונה אז לעתיד וועט מען דאך דארפן מקבל זיין עפעס א טובה פונעם רבי'ן, איז וואס מער מען וועט דא זוכן דעם צדיק, און מער ליגן אין זיינע עצות, און מער היטן דעם כבוד פונעם צדיק - וועט מען זיין נענטער! וועט מען קענען האבן מער שייכות מיט איהם!

* * *

## חברים מקשיבים לקולך 'השמיעיני'!

דער רבי רעדט דארטן קעגן די נקודה פון חצות, כמה תורות פון רבי'ן, חצות, חצות, חצות! אז עס קומט חצות, זאגט דער זוהר הק'; דער אויבערשטער גייט אריין אין גן עדן, און איז זיך משעשע מיט די צדיקים שבגן עדן, ר' אבא האט געפרעגט ר' אלעזר'ן ער זאל איהם זאגן פשט וואס מיינט מען דאס, א גאנץ געשעפט! (עי' באריכות שם בזוה"ק פרשת תרומה דף קע"ג ע"ב).

מיר וויסן נישט די סודות התורה, (אבער) בפשיטות; דער אויבערשטער גייט אריין אין גן עדן און ער איז זיך משעשע מיט די צדיקים, בשעת חצות, און די צדיקים שבגן עדן - זאגט דער זוהר הק' (עי' ריש פרשת פנחס, ובעוד הרבה מקומות) - ווילן דעמאלטס הערן תורה פון אונטן, '**חברים שבגן עדן - מקשיבים לקולך**' פון אונטן, '**היושבת בגנים**' (עפ"י שיר השירים ח' י"ג), מיינט מען 'גן דאורייתא', מיינט

מען אונז, מיר דא, מען שטייט אויף חצות און מען זיצט (-תורה ותפילה), **'החברים' - הצדיקים שבגן עדן - 'מקשיבים לקולך, השמעיני'**, 'מאך מיך הערן'! איך וויל עפעס הערן עפעס א קול פון דיר!

קומט אוים אז די וואס שטייען אויף חצות, און זיצן און לערנען דעמאלטס - א קול תורה, א קול תפילה, איז די צדיקים שבגן עדן וואס דער אויבערשטער איז זיך משעשע מיט זיי, וויל מען דעמאלטס הערן א קול פון דאנעט!

פארשטייט מען דאך שוין אז די אידן טאקע וואס זענען נזהר אין דעם, זיי שטייען אויף חצות, איז 'לאחר מאה ועשרים שנים' וועלן זיי האבן א שייכות! אז עס קומט די צייט פון חצות האבן זיי דאך א שייכות דארטן - איר האט דאך מקבל געווען תורה פון מיר, מיר האבן דאך א שייכות, מיר האבן דאך א שייכות! א לשון פון זוהר, וויאזוי מען איז זיך מדבק אין דער וועלט - אזוי איז מען דארטן! (עי' בראשית דף ק' ע"א). אז דא אין דער וועלט האט ער תמיד אפגעהיטן דעם חצות, און ער האט דעמאלטס געלערנט, און די צדיקים שבגן עדן האבן געהערט פון איהם, **'יא דאס איז דאך - מיר האבן פון דיר געהערט'**! וועט מען דאך אוודאי האבן א שייכות דעמאלטס!

*

## 'מוחין דקדושה'!

אה, ישוב הדעת! ישוב הדעת!! און אז נישט - - לאזט מען אפ די אלע מעשיות, די אלע אוצרות, מען נעמט די אלע נארישקייטן, מוחין דקטנות, מען לאזט אפ דער מח!! איז ווי קען מען אריינלייגן אזעלכע הייליגע געדאנקען - אזעלכע רצונות גוטע?!

דער רבי זאגט; **'במקום שחושב שם הוא'** (עי' לקו"מ תו' כ"א), דארטן ווי דער מענטש טראכט - דארטן איז ער! אז איך טראכט נאר אזוי, בין איך דאך ממש דארטן - ממש א שלימזל'ניק - א מענטש האט אזא מין פארמעגן און לאזט עס אפ?! לאזט עס אפ און גייט אוועק?! וואס, ווען?!

אויף דעם זאגט דער אויבערשטער (ירמיה ב' י"ג); **'אותי עזבו מקור מים חיים'**, איך בין דאך א 'מקור מים חיים', לאזטו מיר אפ?! **'לחצוב להם בורות בורות נשברים אשר לא יכולו המים'**, וואספארא חילוף מאכט ער?! בגשמיות וועט א מענטש מאכן אזא מין חילוף? אפלאזן 'גאלד' און נעמען 'קופער' - נעמען 'בלעך'?! בגשמיות - איז ער אזא מין שוטה צו מאכן אזא מין חילוף! פארוואס מאכט מען דעם חילוף?! 'אותי עזבו מקור מים חיים', פארוואס פארלאזטו מיך און נעמסט זיך 'בורות נשברים'?!

עס שטייט אין זוהר (פרשת ואתחנן דף רס"ו ע"א), ר' אבא זאגט עס, **'אותי עזבו'** זאגט ר' אבא, 'אותי' מיינט מען **'אות ברית'**! ווען קען זיין אז מען זאל מאכן אזא מין חילוף - אפלאזן א 'מקור מים חיים' און נעמען 'בורות נשברים'? אז 'אותי עזבו', אז מען פארלאזט דעם 'אות' - איז דאך דער עיקר דער 'מח' (רצ"ל שמירת המחשבה) - דעמאלטס קען מען מאכן אזא מין חילוף! קען מען אפלאזן 'מקור מים

חיים' און נעמען 'בורות נשברים'! ווארום אויב נישט, קען מען נישט מאכן אזא מין חילוף! ווער מאכט אזא נארישע חילוף?! דער איבערשטער זאל העלפן.

'עס האט א פנים אז מען מוז זיך פון א הרהור זייער היטן' - האט דער רבי געזאגט! (ליקו"מ ח"ב ק"ד). דער עיקר איז די 'מח', און דעמאלטס וועט מען נישט מאכן דעם חילוף! אַה, וואס מען קען ארײנלייגן אין דעם מח אריין!

דער רבי זאגט אין תורה ל"ה, אז דער עיקר תשובה איז 'זרקא'[ג], זאגט דער זוהר הק' (תיקונים, תיקון כ"א דף מ"ג ע"ב) '**לאתר דאיתנטילת מתמן**', דו זאלסט צוריקווארפן פון דארטן פון וואו דו ביזט גענעמען געווארן, צו דארטן ווארפט מען זיך צוריק, '**ומאן ההוא אתר, הוא חכמה**' - וואו איז דער ארט? 'חכמה'! איך בין גענומען געווארן פון 'מוחין', דארף מען זיך צוריק ווארפן דארט!

דער עיקר פגם וואס א מענטש האט - עפעס א פגם, וואספארא פגם ס'זאל נישט זיין, איז עס שוין נוגע אין 'מח', דער פגם איז אין 'מח', ער איז באשאפן געווארן מיט מח, 'הנשמה שבמוחי', און דארט איז דער פגם! און אז ער דארף זיך צוריק ווארפן, דארף ער זיך צוריק ווארפן צו דארט ווי דער פגם איז געווארן, **ומאן ההוא אתר? הוא חכמה** - דאס איז דער 'מח'!

זאגט דער רבי דארטן; א מענטש, אז ער לייגט אריין אין מח עפעס א 'מחשבה זרה', דאס איז אן ענין - ער נעמט אריין די 'בת פרעה', 'בת פרעה' איז א 'מחשבה זרה'! א זאך אז ס'איז פול - א כלי אז ס'איז פול, און איך וויל ארײנלייגן נאך עפעס, גייט ארוים פון דארטן, איך קען דאך נישט ארײנלייגן אז דער זאך איז דאך פול! דאס איז אויך דאס איינינגע - אז אין דער מח דארף ליגן קדושה, אויב איך לייג אריין עפעס אנדערש, גייט ארוים פון דארטן!

עס שטייט (עי' גמרא סנהדרין כ"א ע"ב): '**כשנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים**', זאגט דער רבי; 'נעץ קנה' אינעם 'ים החכמה', אינעם 'ים החכמה' שטעקט ער אריין א 'קנה', א '**קנה דסטרא אחרא**', און א שטיקל מח גייט ארוים! ווארום עס קען דאך נישט זיין ביידע צוזאמען, ס'איז דאך פול, אז 'נשא בת פרעה' - אז ער לייגט אריין א מחשבה חיצונה, איז '**ירד גבריאל - נעשה סוספיתא דדהבא**' (עיי"ש), ער שטעקט אריין א 'קנה' אין דעם 'ים החכמה' - אין דעם מח גייט אריין א 'קנה', און ס'איז 'מחסר מקום הקדושה', עס פעלט, עס פעלט!

*

---

[ג] ז"ל שם (השייך לענינינו): דַע, כִּי תְּשׁוּבָה הִיא לָשׁוּב אֶת הַדָּבָר לַמָּקוֹם שֶׁנִּטַּל מִשָּׁם, וְהוּא בְּחִינַת זַרְקָא הַמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנִים תִּקּוּן כ"א דַּף מ"ג: וּבְדַף ס וְתִקּוּן ס"ד דַף פ"ו:, וּבַתִּקּוּנִים שֶׁבְּסוֹף הַזֹּהַר חָדָשׁ בְּדַף ק"ט:), דְּאִזְדְּרִיקַת לַאֲתָר דְּאִתְנְטִילַת מִתַּמָּן, וּמָאן הַהוּא אֲתַר, הוּא חָכְמָה. כִּי חָכְמָה הִיא שֹׁרֶשׁ כָּל הַדְּבָרִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"ד): "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ", לָכֵן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לִשְׁמֹר אֶת שִׂכְלוֹ מִשִּׂכְלִיּוֹת חִיצוֹנִיּוֹת הַמְּכֻנָּה בְּשֵׁם בַּת פַּרְעֹה, כִּי עִקַּר הַחָכְמָה לִקְנוֹת שְׁלֵמוּת אֵינָם רַק חָכְמוֹת אֱלֹקוּת ... וּכְשֶׁאָדָם מַכְנִיס בְּתוֹךְ שִׂכְלוֹ הַקֹּדֶשׁ מַחֲשָׁבוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, הֵם חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, אֲזַי נִתְמַעֵט קְדֻשַּׁת שִׂכְלוֹ כְּפִי תְּפִיסַת הַמָּקוֹם שֶׁל חָכְמָה חִיצוֹנִיּוֹת, שֵׂכֶל חִיצוֹנִי, בְּתוֹךְ שֵׂכֶל הַקֹּדֶשׁ, וְהַחָכְמָה חִיצוֹנִי הִיא נָעוּץ בְּתוֹךְ הַשֵּׂכֶל הַקֹּדֶשׁ כְּקָנֶה, וּמְחַסֵּר מְקוֹם הַקְּדֻשָּׁה ... וְזֶהוּ (סַנְהֶדְרִין כ"א:): כְּשֶׁנָּשָׂא שְׁלֹמֹה אֶת בַּת פַּרְעֹה, יָרַד גַּבְרִיאֵל וְנָעַץ קָנֶה בַּיָּם, הַיְנוּ שֶׁגַּם לְמַעְלָה, מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַגְּבוּרוֹת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת יָרַד גַּבְרִיאֵל, נַעֲשָׂה סוּסְפִיתָא דְּדַהֲבָא, הַיְנוּ בְּחִינַת קְלִפּוֹת שֶׁהֵם חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת הַנִּקְרָא גַּם כֵּן קָנֶה, וְנָעַץ בְּיָם הַחָכְמָה, שֶׁמְּחַסֵּר מְקוֹם הַקְּדֻשָּׁה ...

# 'חידושי תורה'...

'ברוחניות' זאגט דער רבי **'לא ימוש'** (עי' ליקו"מ תו' ק"י), 'ברוחניות' איז נישט תופס קיין מקום - א דבר רוחני איז נישט שייך צו זאגן קיין צמצום, א דבר רוחני קען האלטן אלעם!

(נמשך אדלעיל, דחכמות חיצוניות מחסרין ממקום המוח, אולם ברוחניות אינו תופס מקום. כאן חסר קצת מהטייפ, וכפי הנראה שמדבר מהענין מה שרואים שיתכן שמקרא או מאמר חז"ל אחד, יסבול כל כך פירושים והשגות שהצדיקים מלבישים בו. עי' בשיחה ממוהרנ"ת הנדפס בריש הלקוטי הלכות - אות ו', ועי' גם בלקוטי מוהר"ן תו' רפ"א).

דער רבי האט געזאגט צו ר' אהרן דער רב פון ברסלב; עס שטייט דיר נישט אָן דו זאלסט נעמען מיין ספר און מעיין זיין ביז עס וועט דיר ווערן עפעס 'קשה', און ווייטער לערנען ביז ס'וועט דיר 'פארענטפערט ווערן', און נאכאמאל לערנען, (ביז דו וועסט) 'מחדש זיין אינעם ספר' - זאגט איהם דער רבי - וואס שטייט דיר נישט אָן דו זאלסט אזוי טאן?! איז ער אוועקגעגאנגען און ער האט עס שוין מקיים געווען; א 'קשיא', א 'תירוץ', ער איז געקומען צוגיין, און ער האט דעם רבי'ן געזאגט דעם חידוש וואס ער האט מחדש געווען, האט זיך אנגערופן דער רבי צו איהם; **'ס'איז דא א פירוש אויפן זוהר הקדוש, און ער האט מכוין געווען אל האמת - אָן רוח הקודש'!** (עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות מ"ג, ועי' גם לקו"מ תניינא אות ק"ה).

דאס איז דאך א געוואלדיגע לשון, מכוון זיין אל האמת - און אָן 'רוח הקודש'! ווייל ער מיינט 'אמת' - איז דער מחבר איהם 'סובל', ער איז צופרידן פון איהם, כאטש ער האט נישט רוח הקודש!

*

# נישט טשעפען דעם 'שולחן ערוך'!...

דאס האט דער רבי געזאגט טאקע; **'איר מעגט קנייטשן מיין ספר וויאזוי איר ווילט, און נישט טשעפען קיין סעיף קטן אין שולחן ערוך'!** ווייל טאמער טשעפע איך דעם 'שולחן ערוך' איז עס שוין נישט קיין 'אמת'! טאמער מיין פירוש וואס איך גיב - טשעפעט דעם 'שולחן ערוך', איז עס שוין נישט קיין 'אמת'! איך וועל מאכן א פירוש, און עס וועט ארויס קומען פון דעם פירוש אז איך דארף דאווענען - איך ווייס - דארטן 'צוועלף אזייגער', איז דאס נישט קיין 'אמת' - ווייל איך טשעפע דעם 'שולחן ערוך'! דער רבי האט געזאגט; 'איר מעגט קנייטשן מיין ספר וויאזוי איר ווילט - מיך ארט נישט - נאר טשעפע נישט דעם שולחן ערוך'!

דאס האט דער רבי געזאגט בחייו! דער לקוטי מוהר"ן איז דאך געדרוקט געווארן שבט תקס"ח, צוויי און א האלב יאר פאר'ן רבי'נס הסתלקות, איז איינער צוגעגאנגען פרעגן פשט אין לקוטי מוהר"ן, ס'איז דאך דא שווערע ערטער, האט דער רבי איהם נישט געענטפערט קיין פשט - דער רבי האט איהם נאר געזאגט; 'דו מעגסט קנייטשן מיין ספר וויאזוי דו ווילסט אבער נישט טשעפענען קיין סעיף קטן אין שולחן ערוך'!

*

דאס איז אויך וואס מיר האבן גערעדט דא, דער צדיק איז מסכים וואס דו וועסט זאגן עפעס א זאך, נאר טשעפע נישט דעם 'שולחן ערוך'! מען רעדט אמאל א רמז, איז דאס איז עס? (אבער) דער רבי געבט רשות - אויב דו טשעפעסט נישט דעם 'שולחן ערוך' האסטו רשות צו זאגן! מעגסט זאגן א זאך, אווארט - זאג! ס'איז יא אמת, נישט אמת, צו ס'איז רוח הקודש, צו דאס איז די כוונה?! שוין, דער צדיק איז סובל!

ביים רבי'ן איז געווען - דעם יסוד פון רבי'ן איז געווען דער 'שולחן ערוך'! דאס נישט טשעפענען, דאס נישט טשעפענען! זאגן 'התעוררות' 'התעוררות', ער פליהט אין הימל אריין - דעם שולחן ערוך טשעפע נישט!

אים דאכט זיך אז ער וועט דאווענען נאכן זמן, וועט ער פליען אין הימל אריין - - - ר' נתן איז געווען אין גאליציע, ער איז געווען דרוקן דעם לקוטי מוהר"ן, האט ער געטראפן א רב האט געדאווענט, זייער געשמאק געדאווענט! נאר וואס דען, ס'איז געווען נאכן זמן, ס'איז שפעט געווען! האט רבי נתן אזוי געזאגט; דאס איז 'קארפינער אתרוג' (מין אתרוג מהודר) - **נאר ס'איז אום 'חנוכה'!** אום 'סוכות' אז ס'איז בדיעבד כשר - בשעת הדחק מאך איך א ברכה, אבער אין חנוכה?! דער שענסטער אתרוג - ס'איז דאך פארט חנוכה!

רבי נתן האט געזאגט; ס'איז א 'קארפינער אתרוג', ס'איז אבער אום 'חנוכה'! נו אן אתרוג אין חנוכה?! דער שענסטער אתרוג - אז עס קומט א טאג נאך סוכות - דער שענסטער אתרוג קען מען קויפן פאר א קאפיקע...

*

## כלו בדמעות עיני... - ר' אברהם ר' נחמנ'ס ז"ל

(השואל ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געשריבן נאך זאכן?) אודאי, ביי ר' אלטר טעפליקער (היה מונח מכתביו - הוא היה גיסו של ראבר"ן ז"ל), איך האב געוואוינט אין זיין דירה צוויי יאר, ווען ער איז גע'הרג'עט געווארן (נהרג בעת המהפיכה באוקריינא שנת תרע"ט, הי"ד) איז דער בוידעם געווען פול מיט כתבים פון ר' אברהם ר' נחמן'ס! אין אלט שטאט (ירושלים תובב"א) איז אויך געבליבן כתבים, ווען אפילו 'עפעס' וואלט געבליבן - וואלט געווען געוואלדיג!

(השואל, אין אייער צייטן האט ער נאך געשריבן?) ניין, ער האט דאך שוין נישט געזעהן!

בשעת ער איז געפארן מיט מיר - - אז איך בין באפרייעט געווארן פון די מיליטער, מען האט זיך אויסבאהאלטן - אפשר צוואנציג בחורים וואס מען האט געזוכט, מ'איז געלעגן אין שול און מ'האט נישט געקענט ארויסגיין. און צו מיר האט ער געזאגט; 'דו קענסט זיך שטעלן, דיר וועט מען באפרייען'! איך האב געהאט דעמאלטס מיט די אויגן, האב איך זיך געשטעלט, און מען האט מיר געשיקט קיין קיעוו און מ'האט מיר באפרייט!

איך בין געקומען צו פארן (קיין אומאן), זאג איך צו ר' אברהם, 'מען האט מיר באפרייט'! (אמר לו ר' אברהם); 'שוין - גיי זוך שוין א שידוך, שוין זוך א שידוך! זיי קען איך נישט זאגן, זיי קענען דאך נישט ארויסגיין פון דאנעט, דו ביזט געווארן באפרייט - שוין זוך א שידוך! פון וואנעט ווייסטו אז דיין שידוך איז אין אומאן?! גיי שוין! ער האט נישט אפגעלאזט!

בין איך געפארן מיט איהם קיין טשעהרין, איך בין געווען אין 'טשערין' און אין 'קיבליטש' - און טאקע דאס מאל בין איך געווארן א חתן - האט ער געהייסן אז איך זאל מיט נעמען מיט זיך פאפיר אסאך, טאמער וויל ער עפעס שרייבן (שרלוי"צ יכתוב בשבילו). 'ער' האט נישט געקענט שרייבן, ער האט נישט געזעהן, ער האט געהאט אזעלכע געשוואלענע אויגן, ער האט אין דער יוגענט אזוי פיל געוויינט פאר'ן אויבערשטן - אז ער האט מורא געהאט אז ער זאל נישט ווערן 'בלינד', ער האט געדארפט 'פארהאמערן די טרערן' עס זאל נישט אזוי פיל טרערן גיסן זיך!

אזויפיל טרערן האט ער פארגאסן פארן אויבערשטן, ער האט געהאט אזעלכע רויטע געשוואלענע אויגן, מענטשן וואס האבן געקענט ר' אברהם ר' נחמנ'ס (פלעגן זאגן); 'יא איך האב איהם געקענט, דער יוד דער מיט די רויטע אויגן'!...

*

## וואו איז אהינגעקומען ר' סענדר?!... - (ר' סענדר טירהאוויצער ז"ל)

ער (ר' אברהם בר"ן) האט געהאט א שוועסטער, זי האט געוואוינט אין די נייע שטאט (באומאן), ס'איז געווען דארט די נייע שטאט זייער ווייט, איז ער געקומען אהין דארטן נעכטיגן, און פון דארטן איז ער געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון - דורך פושקענע גאס - פלעגט ער גיין מיט עמיצן, ער פלעגט אמאל צוגיין צו זיין שוועסטער נעכטיגן - אן עלטערע שוועסטער, און חצות איז ער געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון.

[דארטן נעבעך ליגן אין גרוב 'עטליכע און צוואנציג טויזענט יודן' אויסגע'הרג'עט - דארטן לעבן די שוועסטער - היטלער ימח שמו האט געמאכט א גרויסן גרוב און דארט האט ער אויסגע'הרג'עט עטליכע און צוואנציג טויזענט מענטשן, דער גרויסער בארג וואו עס ליגן נעבעך די הרוגים - דאס איז אויך דער וועג פון נײ שטאט. נישט די 'פריערדיגע' (שנהרגו על קידוש השם בשנת תקכ"ח) - פון נאך פון רבי'ן, יענץ איז דאך ביים רבי'ן אויפן ציון, מען רעדט פון היטלער ימ"ש, ער האט צוזאמגענומען אלע עטליכע און צוואנציג טויזענט מענטשן אויף איין פלאץ, און זיי האבן אויסגעגראבן א גרויסן גרוב, אריינגעווארפן, און פארשיטן מיט קאלעך, מיט איין קלאפ, אוי אוי.

(השואל, עס האט שוין דעמאלטס געהייסן פושקענע?) ניין, ס'האט דעמאלס נאך נישט געהייסן פושקענע, פושקינע איז געווען איינער ביי די קאמוניסטן - ער האט געהייסן פושקען, ער האט ביי די מלחמה אסאך איינגענומען, נאכדעם האט מען איהם אויך גע'הרג'עט - ביי זיי איז דאך אזוי דער שטייגער - - - איז דא א גאס אויף זיין נאמען 'פושקענע', אבער די גאס - אמאל האט עס געהייסן (סאדאווע ?)].

אין די גאס גייט א לאנגע גאס, פלעגט גיין ר' אברהם ר' נחמן'ס ביינאכט חצות, אמאל איז ער געגאנגען חצות - האט ער דערציילט - אמאל ער איז געגאנגען ביינאכט חצות, ער גייט צום רבי'ן,

האט ער געהערט עפעס א 'קול' - ביינאכט א קול! דעמאלטס איז קיינער נישט געווען - א 'קול'! ער האט זיך זייער דערשראקן, ער האט געטראכט ווער ווייסט - עפעס א מערדער, א רוצח?! ער איז צוגעגאנגען נענטער, האט ער געהערט אז דאס איז א קול פונעם רבי'נס ציון, ער איז צוגעגאנגען - איז געווען "ר' סענדער טראהוויצער", ער איז געווען אויפן ציון אויסגעלייגט בפישוט ידים ורגלים, און ער האט געגעבן 'קולות'!

ר' סענדער פלעגט קומען צוויי מאל א חודש אויפן ציון - 'האלב חודש' און 'ערב ראש חודש', ער איז געווען א סוחר א גרויסער - פון 'שניט קראם', פלעגט ער די סחורה איינקויפן אין אומאן, איז ער געקומען צופארן, אריינגעגאנגען צום סוחר, ער האט איהם געגעבן די צעטעלע (הרשימה של כמות הסחורה. ואמר לו להסוחר); 'מארגן ווען איך וועל קומען זאל זיין די סחורה גרייט - פאר אזוי פיל געלד'! און ער איז שוין אוועק געגאנגען, און ער האט שוין געארבעט א נאכט מיט א טאג (בעבודת השם)!

אה, ר' סענדר, אויסגעארבעט צוועלף שעה! זיין עסן איז געווען 'ברויט' מיט 'קוואס' (בארשט)! אמאל איז געווען - דער קוואס איז געווען אביסל געפארבטע וואסער - - - און די געלט האט ער צוטיילט אויף צדקות!

נאכדעם איז ער אריינגעגאנגען צום סוחר (ושאל); 'די סחורה איז גרייט'? (ענה הסוחר); יא! און דער סוחר גרייט אָן נאך אפאר הונדערט פונט, (אמר לו ר' סענדר); 'ניין, נעמט אראפ, איך האב אייך געגעבן געלד נאר אזוי פיל'! (אמר לו הסוחר); 'ר' סענדער, מיר שעמען זיך אראפ צו נעמען פון אייך'! זאגט ער; 'גיי איך שוין צו א צווייטן סוחר'! 'אזוי האט אונז דער רבי געלערנט האנדלען - נאר מיט מיין געלד, מער נישט'! (עי' שיחות הר"ן אות רפ"ט).

דער קרעמער האט זיך געשעמט, ר' סענדער האט געהאט א נאמען פון א איד א צדיק, האט ער געמוזט אראפ נעמען אביסל סחורה, און נאר געבן לויט וויפיל געלט ער האט!

און ער איז דארטן געווען גיך, איינס צוויי, און שוין אוועקפארן! דאס איז געווען דעם רבי'נס סוחרים! (עי' שיש"ק ה' ר"ה).

ס'איז א מעשה דא פון אוסטרהא, 'דאס איז די אוסטרהא'ער סוחרים' (עי' הסיפור המלא בספר שיח שרפי קודש ג' - ק'), דא איז אויך אזוי - 'דאס זענען געווען דעם רבי'נס סוחרים'! אריינגעגאנגען א רגע צו איהם, און אָפּ-אַרבעטן צוועלף שעה (בעבודת השם), קומען אריין צוריק, און ווייטער פארט ער קיין טירהאוויצע, אזעלכע 'אנטיק' האט ארויסגעגעבן די 'פאבריק'! (עפ"י לשון רביז"ל; 'א פאבריק פון אידישקייט', עי' ימי מוהרנ"ת ח"א אות ל"ח).

*

פריער איז ער געווען א 'ווערטל זאגער' - א 'לץ' - איידער ער איז געווארן מקורב צו אונז, ער איז געווען א סוחר א גרויסער, נאר ער פלעגט זאגן ווערטלעך. מען דערציילט אמאל א ווערטל פון איהם, ער איז געווען א שניט קרעמער, איז אריינגעקומען דארטן צו איהם א פראסטער גוי, זאגט ער איהם

ער זאל איהם פארקויפן זאלץ, זאגט ער; 'שטעל דיך אוועק אויפן טיש און 'טאנץ' וועט ארויס שיסן זאלץ פון אונטן'! געמאכט א ווערטל מיט גוי...

דאס איז געווען פריער, נאכדעם איז ער געווארן "ר' סענדער", האבן זיי געשריגן אלע סוחרים; 'וואו איז אהינגעקומען ר' סענדער?! ער איז דאך געווען אונזערער א חבר! וואס איז געווארן מיט איהם עפעס'?!

פרייטאג נאך האלבן טאג איז ער שוין געגאנגען אין שוהל אריין, שוין געזאגט שיר השירים, (ותמהו כל הסוחרים - ידידיו שלעבר); 'אָהָ, ר' סענדער גייט שוין אין שוהל אריין, מיט בגדי שבת, ער איז דאך געווען תמיד מיט אונז צוזאמען, און איצטער גייט ער שוין אין שוהל אריין'?!

*

## א קוואל וואס 'קוועלט'!... - ר' נחמן טולטשינ'ער ז"ל

(השואל; ר' נחמן טולטשינער האט איהם מקרב געווען?) יא, יא, רבי נחמן טולטשינער האט איהם מקרב געווען - זיי זענען געוואר געווארן פונעם רבי'ן נאך פריער, ר' נפתלי האט געזאגט פאר ר' נחמן'ען; 'דארט לעבן טראהוויצע האט זיך אנגעהויבן 'דוויגן' - 'דוויגן' הייסט 'הייבן זיך' - האט זיך אנגעהויבן 'דוויגן' דעם רבי'נס זאך, פאר דורך, פאר דורך צו זיי'!

האט רבי נפתלי געשיקט רבי נחמן'ען זאל פארן, איז ער געקומען צופארן דארטן, עס זענען געווען עטליכע; ר' סנדר, און ער האט געהאט א ברודער ר' לייב, עטליכע מענטשן געווען. נו, האט דאס הארץ זיי געברענט צום אויבערשטן, האט ר' נחמן געעפענט זיין הייליג מויל - ר' נחמן - איז ער 'אכט טאג' געווען דארטן. נו, מען האט זיך אנגעהויבן צו געזעגענען זיך, צו אוועק פארן, מען האט געדינגען א 'פירל' (וואגן), האט ער זיך אזוי געזעגנט - אז מען האט דאס פירל אוועקגעשיקט, און ער איז געבליבן נאך א וואך! אזוי האט מען זיך געזעגנט.

איז ער געבליבן פאר צוויי וואכן, איז ווידער געווען נאכאמאל - זונטאג האט מען נאך אמאל גענומען א פירל, ווידער האט מען זיך אזוי געזעגנט, אז ער איז געבליבן א 'דריטע וואך', איז ער געבליבן דריי וואכן, און דריי מאל געזעגענט זיך!

פרעגן זיי איהם; 'רבי נחמן, פון וואו נעמט איר די אלע אוצרות, פון וואנעט נעמט איהר דאס'? 'א קוואל', 'א קוואל', ס'קוועלט דאך'?!

ער האט געזאגט טאקע (- ר' סענדר); היינט שטייט איין דער 'נחל נובע מקור חכמה' - שטייט איין ביי ר' נחמן!

האט ער איהם געזאגט (ר' נחמן טולטשינער לר' סענדר) פון וואנעט ער נעמט דאס - פון רבי נתן'ען! און אז זיינע כתבים ליגן אויפן בוידעם, און זיי פארפוילן שוין, און מען האט נישט געלט צו דרוקן זיי - ער האט איהם דערציילט!

האט ער ארויסגענומען - ר' סענדר - ער האט ארויס גענומען הונדערט רובל; 'דאס גיבן מיר אייך איצטערט אן "איינגאבע" - אן התחלה, ווען איר וועט אנהויבן דרוקן וועל איך געבן נאך הונדערט, און ווען איר וועט ענדיגן - נאך הונדערט'! האט ער געברענגט 'דריי הונדערט רובל'! דאס איז א פארמעגן פון - וויים איך נישט וויפיל איז דאס היינט!

נאכדעם איז ר' נחמן אוועק קיין טשעהרין (ועורר את אנ"ש שם); 'געוואלד, אוי לאותה בושה, אז נייע מענטשן גיבן אונז דריי הונדערט רובל, און דא איהר שלאפט'?! איז געווארן א התעוררות.

און ער האט אנגעהויבן דרוקן דעם רבי'נס ספרים, און ביז שנת תרי"ח האט ער אפגעדרוקט (כל כרכי הלקוטי הלכות, החל משנת תרי"ד - בעת שאירע הסיפור הנ"ל). שוין, פון שנת תר"ה (דהיינו שנת הסתלקות מוהרנ"ת) ביז תרי"ח, דרייצן יאהר!

דאס איז געווען ר' נחמן, דאס איז געווען ר' נחמן, דאס איז געווען ר' נחמן, דאס איז געווען ר' נחמן, איי איי יא.

*

ר' סענדער האט געזאגט; 'היינט שטייט איין דער 'נחל נובע מקור חכמה' - שטייט איין 'בי רבי נחמן טולטשינער' (השואל, דעמאלטס האט ער דאס געזאגט?) יא, יא, יא!

א געוואלד - א געוואלד!

ר' נחמן, ר' נחמן האט אנגעהויבן רעדן אזוי ווי א קוואל גייט, אזוי ווי א קוואל קוועלט! ער האט אנגעהויבן צו קאכן זיך, ער האט געקענט רבי נתן'ען, אה, א געוואלד - וואספארא געפיל ער האט געהאט אין רבי נתן'ען - קען מען זיך נישט אויסמאלן!

*

עס איז געווען אמאל א שמחת תורה, איז ר' נחמן - ער האט דעמאלטס געטרינקן אביסל מעהרער, האט ער צוגעפאלען צו ר' נתן'ען צו די פיס, און ער האט איהם געקושט די פיס; ר' נתן, איהר זענט אונז מחיה מיט אייערע דיבורים! איהר קוויקט אונז מיט אייערע דיבורים!! און קושט איהם די פיס, געקישט, 'שמחת תורה'!

רבי נתן האט איהם גארנישט געענטפערט, צומארגענ'ס זאגט איהם רבי נתן; נחמן, געדענקסט וואס דו האט נעכטן געזאגט? זאגט ער; 'איך זאג היינט אויך אזוי'! זאגט ער (ר' נתן); 'נו, דיינע דיבורים זענען אמת'ע דיבורים - נאר נישט 'שמחת תורה'! דער 'טרונקען' - נישט שמחת תורה! דיינע דבורים זענען אמת'ע, נאר נישט שמחת תורה! טרונקען מער - נאר 'פורים', נישט 'שמחת תורה'! (עי' ליקו"מ תניינא תו' כ"ו, ועי' כוכבי אור - ששון ושמחה בחידושים אות א').

ר' נחמן איז דאך געווען מלא - דאס הארץ איז געווען פול מיט ר' נתן'ען! ער האט געטרינקען אביסל מער, איז ארויס! וואס מען טראכט - גייט ארויס דורך דעם טרינקען!

די לשון פון די משנה (אבות ד' ט"ז); 'התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין'! די וועלט איז א 'פרוזדור', א 'פרוזדור', גרייט דיך צו דא! אוי ר' נחמן, אה, אה, 'התקן עצמך בפרוזדור'!

*

ווען דער טשעהרינ'ער רב האט גערעדט, האט ר' נחמן נישט געוואלט רעדן - 'דער טשעהרינער רב', ער האט איהם אפגעגעבן כבוד זייער, האט ער (הרב מטשעהרין) זיך באהאלטן, ער האט נישט געוואלט רעדן! נאר וואס דען, ביי שלוש סעודות ווען ס'איז געווען פינסטער, האט זיך דער טשעהרינ'ער רב ארייגעכאפט אזוי שטיל, אז ר' נחמן זאל איהם נישט זעהן...

דער טשהרינ'ער רב האט געזאגט צו ר' נחמן'ען; ר' נחמן, פארוואס באהאלט איהר זיך פון מיר?! אז איך הער פון אייך א דיבור, האב איך א פירוש אויפן לקוטי מוהר"ן - האב איך א פירוש אויפן רבי'נס דיבורים! אז איך הער פון אייך א דיבור! איי!

עס איז דא א מכתב, ווי רבי נתן זאגט; 'אשרינו אז מיר האבן אזא איד ווי ר' נחמן'! שרייבט ר' נתן אזוי צום זון; 'אשרינו אז מיר האבן אזא מענטשן ווי ר' נחמן' - אזוי שרייבט ער, אין דעם לשון! (עי' כעי"ז בעלים לתרופה מכתב שצ"ח).

* * *

# 'לב פורח באויר' - מוהרנ"ת זצ"ל

(השואל; ווער איז געווען 'רבי יעקב' וואס ר' נתן שרייבט צו איהם בריוו אסאך מאל? עס זעהט אויס אז ער האט געוואוינט אין טולטשין), 'וויינבערג' אפשר, דאס איז 'וויינבערג' - געווען פון טולטשין, ער האט זייער געהאלטן מיט ר' נתן'ען.

(השואל; ביי די בריוו זעהט אויס אז ביי די מחלוקת האט ער זיך אביסל דערווייטערט, האט ר' נתן איהם אלעמאל געשריבן בריוו, ער זאל קומען אויף ראש השנה), עס איז אסאך געווען וואס זענען געווארן דערווייטערט, ר' נתן האט זיי געשריבן; 'איך וויים אז עס איז נאר - אז אין הארץ זענט איר נאנט צו אונז'! (עי' כעי"ז בעלים לתרופה מכתב שי"ח, תכ"ב, ועוד).

עס איז נאר דערפאר ווייל עס איז געווען ממש - מען קען נישט מעורר זיין קיין דינים אויף אידן - עס איז געווען ממש 'הריגה, הריגה', רח"ל.

מען האט געפרעגט דעם חולק; 'זיי באהאלטן זיך דאך, פון וואנעט וייסן מיר אז זיי זענען ברסלב'ער'? (ענה להם); 'קוקט אין טלית ותפילין, אז ס'איז דא דארט א 'שערי ציון' מיט א 'שולחן ערוך' - דאס איז א ברסלב'ער'! דאס איז געווען דער סימן!!

*

די 'פאבריק' האט ארויסגעגעבן גוטע זאכן! און מיר זענען אויך ברוך השם - א 'שייכות', מיר דארפן זיין גוט פרייליך וואס מיר זענען נישט קיין מתנגדים, 'מיר צורייסן נישט די ספרים'! (לשון

מוהרנ"ת במכתביו, עי' עלים לתרופה צ"א, ועוד), זיי זענען ביי אונז חשוב, און מיר זענען נישט מבזה רבי נתן'ען!

[אחד מהשומעים (- ר' יעקב דב ז"ל): רבי אפרים (קרקובסקי) ז"ל פלעגט זאגן, 'ולא נתן' - ווען נישט רבי נתן, 'למוט רגלינו' ח"ו! ס'איז מקובל פון אונזערע לייט, ער האט עס נישט געזאגט פון זיך].

*

איך האב געקענט ב"ה אידן וואס האבן געקענט רבי נתן'ען, איך האב געקענט ר' דוד צבי - ר' יצחק'ס זוהן (ר' יצחק בן מוהרנ"ת), ער האט שוין געהאט א קינד ווען רבי נתן האט געלעבט, רבי נתן האט שוין געזעהן ביי איהם א קינד, ער האט חתונה געהאט שנת תר"ג.

ער רופט איהם 'יניק וחכים', ער רופט ר' דוד צבי'ן 'יניק וחכים'! (עי' עלים לתרופה מכתב תמ"ו).

ר' מיכל (אחיו של ר' דוד צבי הנ"ל) איז געווען יונגער, נאר ר' דוד צבי האט שוין חתונה געהאט בחייו פון ר' נתן, און ער האט שוין געהאט ביי איהם א קינד אויך. איך האב איהם גוט געקענט - ר' דוד צבי - אוודאי.

שנת תרע"ה (ראש השנה הראשונה של ר' לוי יצחק) איז ער - ר' דוד צבי - געווען אויף ראש השנה, און ער איז נפטר געווארן אימיטן תרע"ו. תרע"ו איז ער שוין געליגן שלאף, און ער איז נישט געווען אויף ראש השנה, איך בין געווען ביי איהם, איך בין געווען מבקר חולה זיין איהם, און ער איז געליגן שלאַף.

[ר' מיכל'ע איז אוועק תרע"ז, ר' אברהם ר' נחמן'ס תרע"ח, ר' דוד צבי איז אלט געווען ווען ער איז אוועק - זיבן און אכציג, אכט און אכציג. ר' מיכלע איז געווען יונגער פון איהם מיט צעהן יאהר].

(השואל: וואס האט ר' דוד צבי פארציילט?) ער האט פארציילט - ער האט גערעדט פון ר' נתן'ען, ער האט איהם גוט געקענט, גערעדט!

איך האב געקענט נאך מענטשן וואס האבן געקענט ר' נתן'ען, איי, זיי פלעגן אויסמאלן - געוואלד - ר' נתן'ען, דאס מין 'עבודה' זיינע, מיט דעם 'זריזות', מיט דעם 'לעכטיגען פנים', מיט דעם 'אַה אַה אַה' (ההשתוקקות והכיסופין שלו).

ממש ווי דער רבי זאגט אין תורה צ"א - סוף לקוטי מוהר"ן[ד], אז דער תלמיד זיינער איז 'לב פורח באויר' - זאגט דער רבי דארט - 'דער הארץ פליעט אין אויר'! די גמרא זאגט דארט אין חגיגה (דף ט"ו ע"ב, עי' רש"י שם): 'למ"ד - לב פורח באויר', טייטשט דער רבי דארט אז ס'גייט ארויף אויפ'ן 'תלמיד', זאגט דער רבי דארטן: דער 'לב' פונעם תלמיד איז 'פורח באויר' צו הערן דיבורים פונעם רבי'ן! אזוי זאגט דער רבי דארט!

---

[ד] ז"ל שם (ליקו"מ תניינא תו' צ"א): ...כִּי מַה שֶּׁהָרַב מְלַמֵּד עִם תַּלְמִידוֹ, וְהַתַּלְמִיד מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ, הוּא בְּחִינַת חָכְמָה עִלָּאָה וְחָכְמָה תַּתָּאָה. וְחָכְמָה עִלָּאָה, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁהָרַב מְלַמֵּד לְהַתַּלְמִיד זֶה בְּחִינַת יוּד, וּמַה שֶּׁהַתַּלְמִיד מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת חָכְמָה תַּתָּאָה, הוּא בְּחִינַת לָמֶד, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִגְדָּל הַפּוֹרֵחַ בָּאֲוִיר (חֲגִיגָה טו: עַיֵּן רַשִׁ"י שָׁם), כִּי הַלֵּב פּוֹרֵחַ בָּאֲוִיר וְשׁוֹמֵעַ מַה שֶּׁהָרַב אוֹמֵר...

דער רבי זאגט דארט; 'חכמה תתאה חכמה עלאה', 'חכמה עילאה' דאס איז דער רבי, 'חכמה תתאה' דאס איז דער תלמיד, וואס איז 'לבו פורח באויר' צו הערן די דיבורים פונעם צדיק!

אונז דארפן זיך זייער מחיה זיין, ברוך השם מיר זענען נישט מבזה דעם צדיק, מיר רייסן נישט די ספרים פון דעם צדיק.

*

איי, איי, דער צדיק וואס מאכט 'בעלי תשובות', אלעמאל ווערט נייע בעלי תשובות דורך איהם! און זיינע דיבורים - דאס 'קוויקן' אונז!

'ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן קיין בלעטל שמות פון מיר'! (עי' חיי מוהר"ן אות ש"ע). דארף מען טאקע זייער דאנקען דעם אויבערשטן אז מ'איז אריינגעפאלן אין דעם גורל ברוך השם, און מ'איז נישט קיין מתנגד, און מ'איז נישט מבזה דעם צדיק, און מ'רעדט נישט אויף איהם! (כאן נכנסים הנוכחים בסיפורים שונים ואכמ"ל).

*

דער עיקר איז, אז דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אז מיר זאלן ווערן אנגערופן אויף דעם נאמען, אז ס'זאל ווערן דער שם רבינו - זאל ווערן 'געגרייסט' דורך אונז!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אז מיר זאלן יא זיין אביסל נענטער צום רבי'נס זאך, דאנקען השי"ת אויף דעם וואס מיר רייסן נישט די ספרים, מען איז נישט מבזה חלילה רבי נתן'ען! און מ'זאל ווערן נענטער, אונז קענען ווערן נענטער אויכעט!

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **שמעון לעבאוויטש** הי"ו ולחותנו מוה"ר **חיים מאיר האס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו \ נכדתו למזל טוב**

מוה"ר **אשר מרדכי פריעדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **ראובן ווייס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב**

מוה"ר **משה יצחק שטיינער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**